מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ.י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn. N.Y. 11213

HYacinth 3-9250

ב״ה, ראש חודש ניסן, ה׳תשל״ה
ברוקלין, נ.י.

אל בני ובנות ישראל
בכל מקום שהם
ה׳ עליהם יחיו

שלום וברכה!

דער הויפּטפּונקט פון דעם חודש ניסן — חודש הגאולה — איז דער יום־טוב פסח, וואָס ווערט באַצייכנט אין דעם נוסח התפילה אַלס זמן חרותנו — ״דער יום־טוב פון אונזער באַפרייאונג״.

אין פשטות מיינט חרותנו — ״אונזער באַפרייאונג״ — די באַפרייאונג פון רבים, פון אַלע יחידים וואָס באַלאַנגען צו אונזער פאָלק.

מיר זעען אָבער אַז דעם אויסדרוק זמן שמחתנו — אונזער שמחה — וואָס קומט אין דעם זעלבן נוסח טייטשט דער אַלטער רבי דעם לשון רבים, אַז דאָס מיינט (אויך): די שמחה פון אידן און די שמחה פון דעם אויבערשטען.

דערפון לערנט מען אויך אָפּ בנוגע זמן חרותנו — לשון רבים — אַז דאָס מיינט (אויך): די באַפרייאונג פון די אידן פון גלות מצרים, און די באַפרייאונג, כביכול, אויך פון דער שכינה, ווי דאָס איז אָנגעדייטעט אין די ווערטער: כהושעת גוי ואלקים (״האָסט געהאָלפען דעם פאָלק און דעם אויבערשטען״) כו׳ והוצאתי אתכם (״איך וועל אייך אַרויסנעמען״ וואָס איז) נקוב והוצאתי אתכם (ווערט אויך געלייענט אין דעם זין ״איך וועל אַרויסגענומען ווערן מיט אייך״). דאָס מיינט אויך, אַז די באַפרייאונג פון אידן אַלס פאָלק און אויך אַלס יחיד איז אַ דאָפּעלטע: די באַפרייאונג פון דעם אידען און די באַפרייאונג פון דער שכינה כביכול, פון דער ג־טלעכקייט וואָס איז אין יעדן אידן — די נפש האלקית (ג־טלעכע נשמה) וואָס זי איז חלק אלוק׳ ממעל ממש,

וואָס דאָס שפּיגעלט זיך אָפּ, און — נאָכמער — דאָס ווערט דערגרייכט דורכדעם וואָס אַ איד פירט זיך אין אַן אופן פון אמת׳ן (וויל עס איז געבויט אויף תורת אמת) חרות און רחבות אין ביידע געביטן פון זיין לעבן,

לויט דעם אויסדרוק בנוגע צום כללות פון מענשליכן לעבן: טוב לשמים וטוב לבריות –

חרות און רחבות אין די ענינים פון טוב לשמים (בין אדם למקום) און חרות און רחבות אין די ענינים פון טוב לבריות (בין אדם לחברו).

★ ★ ★

קלאָרער צו מאַכן דאָס אויבנגעזאָגטע:

דער ענין פון יציאת מצרים און זמן חרותנו האָט מערערע אָפּלערנונגען און אָנווייזונגען פאַר׳ן כלל אידן און פאַר יעדן אידן בפרט, אין אַלע צייטן און אין אַלע ערטער, ווי דאָס איז אין אַלע ענינים פון תורה, וואָס זי איז אַ נצחיות׳דיגע תורה־הוראה.

די הוראה פון יציאת מצרים — וואָס מען הייסט אונז דערמאָנען יעדן טאָג — איז, אַז יעדער איד דאַרף כסדר שטרעבן צו באַפרייען זיך פון גלות מצרים און בכלל — פון מצרים, פון אַלע מצרים וגבולים — באַגרענעצונגען — וואָס מצירים לישראל, זיי מאַכן איינג אַ אידן; ער קען זיין בעסער, איידעלער — און ער רירט זיך ניט פון אָרט, היינט ווי נעכטן און אייער נעכטן.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז צום אַלעם ערשטן קומט דער אַרויסגיין פון גלות מצרים ערות הארץ, דער סור מרע (מצות לא תעשה) ועשה טוב (מצות עשה) בפועל אין טאָג טעגלעכן לעבן,

אבער צוזאַמען דערמיט — איז יעדע מצות עשה וואָס ער איז מקיים און יעדע מצות לא תעשה וואָס ער היט אָפּ איז דאָ אין דעם דער על פי דין און דער לפנים משורת הדין, וואָס איז אויך אַן אָנזאָג פון תורתנו הנצחית. און וויבאַלד אַז אַלע ענינים פון תורה און מצות,

טוב און קדושה שטאַמען און זיינען געגעבן געוואָרען פון דעם אויבערשטען וואָס ער איז אין סוף, זיינען זיי אויך אומבאַגרענעצט; ווי גוט זיין מצב אין אידישקייט תורה ומצות איז — קען זיין — און במילא מוז זיין — נאָך בעסער און נאָך העכער, ווי דער אָנזאָג: מעלין בקודש. אויב ער באַמיט זיך ניט, ער האָרעוועט ניט צו שטייגען העכער, העכער פון זיין הרגל (געוואָנהייט — וואָס) נעשה טבע (פורם און באַשטימטע פעסט געשטעלטע ראַם) — פעלט באַ אים אין דער שלימות פון חרות.

★ ★ ★

און דאָס איז איינע פון די יסודי־הוראות פון יציאת מצרים — זמן חרותנו; די גאולה פון מצרים איז געווען אַ צווייענדיגע: די קערפערלעכע באַפרייאונג פון אידען פון שעבוד מצרים — צוזאַמען מיט דער גייסטיגער באַפרייאוגג פון דער אידישער נשמה, ווי געזאָגט: משכו וקחו לכם, משכו ידיכם מעבודה זרה — צוריקציען זיך און אָפּוואַרפן עבודה זרה,

און ביידע זאַכן זיינען געווען אין אַן אופן פון ביד רמה — חירות אין דער פולער מאָס,

און ערשט דאַמאָלס — אַרויסגייענדיג פון מצרים — האָבן די אידען אָנגעהויבן צו שטייגען פון טאָג צו טאָג אַלץ העכער און העכער, ביז זיי האָבן דערגרייכט די העכסטע מדריגה פון חרות ביי קבלת התורה, ווי חכמינו ז״ל זאָגען: חרות על הלוחות — חירות על הלוחות (חירות איז געגעבן געוואָרען אין די לוחות און צוזאַמען מיט די לוחות).

★ ★ ★

ויהי רצון, אַז פונקט ווי דאַן באַ יציאת מצרים איז געווען ובני ישראל יוצאים ביד רמה — אידן גייען אַרויס מיט שטאָלץ, אַזוי זאָל דאָס זיין אויך היינט באַ יעדן אידן, אומעטום, איינשטעלן דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין אַן אופן פון פולשטענדיגער חרות, און טאָן דאָס ביד רמה, מיט שטאָלץ און מיט שמחה,

און בקרוב ממש זאָלן מיר אַלע זוכה זיין צום מצב פון אך טוב לישראל, און — אַרויסצוגייען פון איצטיגען גלות, בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו גו׳ לא תשאר פרסה (מיט אונזערע יונגע און אַלטע . . מיט אונזערע זין און טעכטער . . מיט אַלעם וואָס מ׳האָט), און גיין ביד רמה מקבל זיין פני משיח צדקנו בגאולה האמתית והשלימה.

בכבוד ובברכת חג הפסח

— זמן חרותנו — כשר ושמח

מנחם שניאורסאהן

---

דער הויפּטפּונקט . . פסח: **כשמו חודש הגאולה — שהייתה בפסח. וראה ר״ה (ד, א) דגם לר״ח ניסן שייכות מיוחדת לרגל דפסח.**

חדש הגאולה: **שמו״ר פט״ו, יא. וראה אוה״ת להצ״צ עה״פ החודש הזה (ע׳ רסד ואילך).**

טייטש דער אַלטער רבי: **לקו״ת דרושים לשמע״צ (פח, ד. פד, א).**

די ווערטער: **בס׳ הושענות ד״ה כהושעת. וראה ירוש׳ סוכה פ״ד, ה״ג. מגלה כט, א. ד״ה מצה זו תר״ם בתחלתו.**

והוצאתי . . והוצאתי: **ראה לקוטי לוי״צ לזח״ב ע׳ פב.**

דער שכינה: **מלשון ושכנתי בתוכם (תניא פנ״ב וראה שם פי״ז).**

חלק . . ממש: **תניא רפ״ב, וראה סד״ה גדולים מעשה צדיקים, תרפ״ה.**

דערגרייכט דורכדעם: **ראה סוטה (ט, ב): וכן לענין הטובה ובתוד״ה מרים (שם יא, א). רש״י עה״ת ס״פ בהעלתך.**

דעם אויסדרוק: **קדושין מ, א.**

וטוב לבריות: **אף הרחוקים כו׳ (תניא פ׳ לב).**

תורה־הוראה: **זח״ג נג, ב.**

דערמאָנען יעדן טאָג: **ביום ובלילה (רמב״ם הל׳ ק״ש פ״א ה״ג. שו״ע אדה״ז ר״ס סז. ועוד).**

דערמאָנען . . שטרעבן: **בל׳ התניא רפמ״ז: בכל דור ודור וכל יום ויום חייב אדם לראות עצמו כאילו הוא יצא היום ממצרים. ועפ״ז מובן הרמב״ם (הל׳ מצה פ״ד, ה״ו): בכל דור ודור חייב אדם להראות א״ע כאילו הוא בעצמו יצא** עתה **משעבוד מצרים. ולהעיר שהרמב״ם מוסיף ג״כ** להראות **(אף שיש מביאין נ״א — לראות) — ראה פסחים קטז, ב. — וכ״כ בשו״ע אדה״ז סתע״ב ס״ז; אבל בנוסח ההגדה בהרמב״ם ובאדה״ז — לראות!***

**[* הביאור בזה ראה לעיל ע׳ תכד ואילך.]**

פון אַלע מיצרים: **ראה סידור ש׳ התפילין (ח, ד): פי׳ ענין יצי״מ. ובכ״מ.**

מצירים לישראל: **ע״פ ב״ר פט״ז ד.**

אַן אָנזאָג: **ב״מ ל, ב. ובכ״מ.**

מעלין בקודש: **ברכות כח, א. ובכ״מ. וראה ד״ה ויגש תרס״ח (המשך תרס״ו ע׳ תצא ואילך).***

[* הטעם שציין למאמר זה דוקא (אף דהענין דעלית הנשמה ע״י ירידתה למטה מבואר בכו״כ מקומות בדא״ח), כי יש במאמר זה מה שלא הוזכר ברוב המאמרים: ברוב המקומות מבואר דירידת הנשמה ממקורה, אלקי נשמה כו׳ טהורה היא, היינו אצי׳ כו׳ וכיו״ב, והעלי׳ שלה היא למעלה מאצי׳ או שהעלי׳ – לאשתאבא בגופא דמלכא; במאמר הנ״ל (והמשכו מאמרים שלאח״ז) מבואר שעליית הנשמה היא לפנימיות ועצמות אוא״ס ב״ה שלפני הצמצום, ומפרש (ראה בארוכה בד״ה בשעה שהקדימו והמשכו בד״ה אין עומדין בההמשך שם) ״טהורה היא״ על טהירו **עילאה** ועליית הנשמה ע״י ירידתה למטה (שהיא צורך עלי׳ **למעלה** משרשה ומקורה (שם ע׳ תקב ואילך)) היא למעלה גם מטה״ע. ומזה נלמד גם לענין ד״מעלין בקודש״ דאפי׳ במדרי׳ טה״ע ישנו ציווי זה. וראה לקמן ע׳ תרעז.

משכו . . זרה: **שמות יב, כא. ובמכילתא שם. תיב״ע, ועוד.**

חרות . . חירות: **עירובין נד, א.***

[* הטעם שציין לש״ס עירובין (נד, א) ולא לאבות פ״ו, ב שהוא ברייתא (אבל ד״שנו חכמים בלשון המשנה״):

בעירובין קאי בלוחות הראשונות כמפורש שם

משא״כ באבות שם בא כראי׳ ״שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בת״ת״. היינו שקאי על העוסק בתורה **בכל** הזמנים, עאכו״כ לאחרי שבירת הלוחות ראשונות (**שנשתכחה** תורה כו׳). ומוכח דה״חירות״ המדובר באבות הוא למטה הרבה מבחי׳ ״חירות״ שבעירובין.

והנה בהמכ׳ הובא המרז״ל על המצב שלאחר יצי״מ וכו׳, ובכ״ז החירות הייתה: ״ביז זיי . . קבלת התורה״. והיינו דרגא הכי נעלית ב״חירות״ (ולכן צויין לעירובין דוקא)].

״אך טוב לישראל״: **תהלים עג, א.**

״בנערינו . . פרסה״: **שמות יו״ד , ט. (ולהעיר מפע״ח שער חהמ״צ פ״ו סד״ה מה נשתנה). שם, כו. ובשמו״ר רפי״ח: אפילו . . טלף אחד. וראה צוואת הריב״ש (סי׳ קט — הוצאת קה״ת), כתר ש״ט (סרי״ח) ואור תורה להה״מ ד״ה התורה חסה על ממונם של ישראל.**